בס"ד

ואתחנן תשפ"ד

גליון 203

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייְעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהרו"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנְדִין!

דֶער שַׁבָּת וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן שַׁבָּת נַחֲמוּ, וַוייל אִין דִי הַפְטָרָה פוּן דִי וָואךְ הֵייבְּט אָן דֶער נָבִיא – מִיט דֶעם בַּאפֶעל פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן - דִי וֶוערְטֶער "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי". ר' נָתָן אִיז מְפָרֵשׁ דֶעם פָּסוּק אוֹיף עֶטְלִיכֶע אוֹפַנִּים, מִיר וֶועלְן אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען אֵיין וֶועג. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בֶּעט זִיךְ צוּ דִי אִידְן "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי" מַיין טַייעֶר פָאלְק אִיךְ בֶּעט פוּן יֶעדְן בַּאזוּנְדֶער: "טְרֵייסְט דַיין חַבֶר, דַיינֶע פְרַיינְד

און אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְן דִי חֲבֵרִים אוֹיף צוּרִיק עֶנְק טְרֵייסְטְן, וַוייל יֶעדֶע אֵיינֶער דַארְף בַּאקוּמֶען פוּן זַיין חַבֶר עֵצוֹת אוּן דַעַת וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף יֶעדֶער אִיד אַרַיינְשַׁיינֶען אִין זַיינֶע חֲבֵרִים וְוִיאַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט דִי לִמּוּדִים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

שַׁבָּת נַחֲמוּ אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶע פוּן דִי דְרַיי שַׁבָּתִים וֶוען מֶען פְלֶעגְט זִיךְ צוּנוֹיפְקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶעם לֶעצְטְן שַׁבָּת נַחֲמוּ פוּן רֶבִּי'נְס לֶעבְן, זֶענֶען דִי תַּלְמִידִים גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין דַאן גֶעוואוֹינְט אִין אוּמַאן, דָאס אִיז גֶעוֶוען צְוֵוי חֳדָשִׁים אֵיידֶער זַיין הִסְתַּלְקוּת, דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גָאר שְׁוַואךְ. פְרַייטָאג צוּנַאכְטְס נָאכְדֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמַאכְט קִדּוּשׁ, הָאט עֶר גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס שְׁוַואכְקֵייט: "פַארְוָואס זֶענְט אִיר גֶעקוּמֶען צוּ מִיר? אִיךְ בִּין אִיצְטֶער אַ פְּרָאסְטִיק! אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוּן אִיךְ גֶעדֶענְק גָארְנִישְׁט!" אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען מִיט נָאךְ אַזֶעלְכֶע רֵייד אוּן אִיז אַרַיין אִין אַן אִינְטֶערְסַאנְטֶע שְׁמוּעֶס.

וִוי סְ'אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער חִיּוּת וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִיז נָאר פוּן דִי תּוֹרָה, אָבֶער יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט צַייטְן וֶוען עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען, עֶר דַארְף זִיךְ אָפְּרוּעֶן צוּ עֶסְן, שְׁלָאפְן, פַּרְנָסָה אוּן נָאךְ פְּרִיוַואטֶע גֶעבְּרוֹיכְן, וְוִיאַזוֹי קֶען דֶעמָאלְטְס דֶער מֶענְטְשׁ הָאבְּן חִיּוּת – אַ לֶעבְּנְס קְרַאפְט - אוֹיבּ עֶר אִיז דֶעמָאלְט אָפְּגֶעטֵיילְט פוּן דִי תּוֹרָה? אַזוֹי אוֹיךְ דִי אַלֶע דוֹרוֹת פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן בִּיז דִי דוֹר וֶוען מְ'הָאט בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה וְוִיאַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעלֶעבְּט? דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט מַסְבִּיר בַּאֲרִיכוּת (תּוֹרָה ע"ח תִּנְיָנָא) אַ תִּירוּץ.

אִינְמִיטְן דִי שְׁמוּעֶס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַ גֶעשְׁרֵיי פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ: " גִיוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנְדִין!" וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דָאס וָוארְט גִיוַואלְד, הָאט עֶר דָאס זֵייעֶר אוֹיסְגֶעצוֹיגְן אוֹיסְצוּשְׁרַייעֶן פַאר אוּנְז אַלֶע אוּן אוֹיף דִי שְׁפֶּעטֶערֶע דוֹרוֹת אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין!

טַייעֶרֶע קִינְדֶער אַזוֹי וִוי אִין דֶעם צַייט וָואס מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט וֵוייסְט מֶען נִישְׁט קְלָאר וָואס אוּן וִוי אַזוֹיעֶס וֶועט אוֹיסְקוּקְן דֶעם רֶבִּי'נְס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶס אִיז לַיידֶער אַ מִלְחָמָה צוּשְׁטַאנְד אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן

# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

אִין אוּקְרַיינֶע, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער ווַארְט אוֹיף דִי תְּפִלּוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן גְלוֹיבְּט זַייעֶר צוּהֶערְן דָאס קוֹל פוּן דִי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן.

עֶס שְׁטֵייט טַאקֶע אִין הֶמְשֵׁךְ פוּן דִי הַפְטָרָה "הַנּוֹתֵן רוֹזְנִים לְאָיִן שֹׁפְטֵי אֶרֶץ כַּתֹּהוּ עָשָׂה (יְשַׁעְיָהוּ מ, כג) – דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער קֶען מַאכְן פוּן אַלֶע פְּרֶעזִידֶענְטְן אוּן אַלֶע גְרוֹיסֶע שָׂרִים אוּן הַארְן גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער! דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "נִישְׁט נָאר עֶנְק, נָאר דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט ווֶעלְט אִיז גֶעוָואנְדְן אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מִיר הָאבְּן אַ גֶעווַאלְדִיגֶע זְכִיָּה אַז מִיר הָאבְּן אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן ווָאס גֶעבְּט אוּנְז פוּל חִיוּת אוּן עֵצוֹת אִין עֲבוֹדַת ה', אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ.

אַשְׁרֵינוּ ווָאס יֶעדֶער פוּן אוּנְז בַּאזוּנְדֶער הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע מַתָּנוֹת פוּנֶעם רֶבִּי'ן, אַזַא שֵׁיינֶע מַתָּנָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, דִי צוּקֶערְדִיגֶע עֵצָה פוּן זוּכְן אוּנְזֶערֶע "נְקוּדוֹת טוֹבוֹת" אוּן פוּן "בַּצַּר הִרְחַבְתָּ לִי". מִיר הָאבְּן שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזוֹיפִיל רֹאשׁ הַשָּׁנָה'ס אִין אוּמַאן מִיט דִי אַלֶע תִּקּוּנִים ווָאס דֶער רֶבִּי קֶען גֶעבְּן נָאר אִין דֶעם הֵיילִיגְן טָאג.

יֶעצְט ווַארְט מֶען פוּן אוּנְז מִיר זָאלְן בֶּענְקֶען, ווֶעלְן אוּן הָאפְן מִיט אֱמוּנָה אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין צוּ אוּנְזֶער טַאטְן אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן קֶענֶען פָארְן צוּם הֵיילִיגְן קִבּוּץ אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הבעל"ט, מֶען קֶען זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִּים, לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת, שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים דָאס מַאכְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע נַחַת רוּחַ פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

עֶס ווֶערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סְפָרִים אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען תקט"ו – פִינְף הוּנְדֶערְט מִיט פוּפְצְן – תְּפִלּוֹת צוּ קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט אִים דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: "רַב לָךְ אַל תּוֹסֶף, גֶענוּג!" טָאמֶער אָבֶּער ווָאלְט אַן אַנְדֶערֶע אִיד מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ – אֲפִילוּ גַאנְץ אַ פָּשׁוּטֶער אִיד – ווָאלְט דֶער אִיד גֶעקֶענְט פוֹעֶלְ'ן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאל יָא קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. דֶער צַדִּיק דַארְף אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת – דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ אָן אַייךְ קֶען נִישְׁט".

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל שׁוֹין נִתְגַּלֶּה ווֶערְן דִי לִיכְטִיגְקַייט פוּן דִי צַדִּיקִים אוֹיף דֶער גַאנְצֶער ווֶעלְט בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן (ליקוה"ל נט"י ו' פ"ח)

# איין אשה'לע



ס'אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע שַׁבָּת. מִיר הָאבְּן גֶעהַאט דִי זְכִיָּ'ה צוּ הָאבְּן צוּ גַאסְט אוּנְזֶער זֵיידֶע אוּן בָּאבֶּע. אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע גֶעלֶעגְנְהַייט מַאכְט זִיךְ נִישְׁט יֶעדְן טָאג. ווֶען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְּט אוּן זֵיי קֶענֶען קוּמֶען צוּ אוּנְז אִיז עֶס דִי גְרֶעסְטֶע גְלִיק.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאבְּן מִיר זִיךְ ווַארֶעם גֶעזֶעגְנְט אוּן בַּאדַאנְקְט פַאר אַלֶעס אוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן זֵיי בַּאגְלֵייט צוּם בָּאס-סְטַאנְצְיֶע. זֵיי הָאבְּן גֶעוַוארְט אוּן גֶעוַוארְט. אִינְצְווִישְׁן הָאט אֵיינֶער גֶעזָאגְט אַז אוֹיף נְהַר-הַיַּרְדֵּן גַאס אִיז דָא אַ גֶעפֶערְלִיכֶע טְרֶעפִיק. ס'קֶען נֶעמֶען נָאךְ אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה בִּיז

דֶער בָּאס וֶועט קוּמֶען. מַיין טַאטֶע הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען מִתְפַּלֵל זַיין אַז מַיין זֵיידֶע און בַּאבֶּע זָאלְן שְׁנֶעל און גְרִינְג קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּרִיק אַהֵיים קַיין יְרוּשָׁלַיִם. ווִי אַזוֹי? מֶען דַארְף נִישְׁט גֶעבְּן קַיין עֵצוֹת פַּארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן. זָאל עֶס זַיין מִיט אַן הֶעלִיקָאפְּטֶער אָדֶער בַּאן. זָאל דֶער בָּאס שְׁנֶעל אָנְקוּמֶען, זָאל מֶען פָּארְן מִיט אַ טֶעקְסִי אָדֶער קַאר, וִוי אַזוֹי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער ווִיל.

אַזוֹי, אִינְמִיטְן מִתְפַּלֵל זַיין קוּמְט צוּ פָארְן אַן אוֹיטָא פוּן אַ שְׁטִילְן גֶעסְל וָואס כְּמְעַט מֶען זֶעט נִישְׁט קַיין אוֹיטָאס דָארְט פָארְן און מַיין טַאטֶע הֶערְט וִוי אֵיינֶער רוּפְט זַיין נָאמֶען.



עֶר דְרֵייט זִיךְ אוֹיס און אַ חָבֵר זַיינֶער, זִיצְט אִין אַ לֵיידִיגֶע קַאר בַּיים רֶעדְל.

״יְרוּשָׁלַיִם?״ פְרֶעגְט עֶר פוּן מַיין טַאטֶע.

״יָא, מַיין שְׁוֶוער און שְׁוִויגֶער ווִילְן אָנְקוּמֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם. דוּ קֶענְסְט זֵיי נֶעמֶען?״

״יָא, זִיכֶער.״

מַיין זֵיידֶע און בַּאבֶּע זֶענֶען אַרַיין אִין קַאר און אָנְגֶעקוּמֶען שְׁנֶעל און גְרִינְג קַיין יְרוּשָׁלַיִם אַזוֹיוִוי מַיין טַאטֶע הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. עֶס אִיז נָאר גֶעבְּלִיבְּן צוּ דַאנְקֶען פַאר דִי אָפֶענֶע ווּאוּנְדֶער פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

## חידה לפרשת ואתחנן נחמו:





היכן מרומז בפסוק שמע ישראל שמי שזוכה לקרוא ק"ש בכל יום צריך לשמוח מאוד מאוד
(ליקוטי הלכות הודאה ו' סעיף?)

וֶועלְכֶע שַׁבָּת הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן מִיט אַ גְרוֹיס גֶעשְׁרֵיי פוּן טִיפְן הַארְץ:
"גִיוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ"

מה מפרש רבינו הק' עה"פ ואתחנן אל ה' <u>בעת</u> ההוא?

אִין וֶועלְכֶע תּוֹרָה דֶערְמַאנְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי "שַׁבָּת נַחֲמוּ"?

קלינג אריין אין טעל-ליין אויף קנעפל 7 לאז א הודעה מיט די תירוצים און דיין נאמען און טעלעפאן צו געווינען
ספרי ברסלב אין ווערד פון 36 ש"ח

# אִיךְ ווִיל אוֹיךְ פָאָרְן צוּם צַדִיק!




אִין אַ קְלֵיין לִיכְטִיגֶע שְׁטִיבֶּעלֶע אִין שְׁטָאט מֶעזְבּוּשׁ, דִי שְׁטוּבּ פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, הָאבְּן גְעווּאוֹינְט דִי הֵיילִיגֶע מִשְׁפָּחָה פוּן רֶבִּי'ן, דֶער טַאטֶע שִׂמְחָה, דִי מַאמֶע פֵייגָא, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, מִיט זֵייעֶרֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, נַחְמָן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זי"ע מִיט זַיינֶע בְּרִידֶער יִשְׂרָאֵל, יְחִיאֵל, אוּן דִי שְׁוֶועסְטֶער פֶּערְל.

דִי פָאלְגֶנְדֶע מַעֲשֶׂה אִיז גֶעשֶׁען אִין דִי קִינְדֶערִישֶׁע יָארְן פוּן רֶבִּי'ן וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַרוּם פִינְף יָאר אַלְט. אַ קְלַאפּ הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט אוֹיפְן טִיר, אֵיינֶער אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען עֶפֶענֶען, אוֹיךְ דֶער קְלֵיין נַחְמָן אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען זֶען וֶוער עֶס קְלַאפְּט אִין טִיר, שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם! הָא, אַזֶעלְכֶע חָשׁוּבֶע גֶעסְט, הָאט דֶער טַאטֶע אוֹיסְגֶערוּפְן, בַּיים טִיר זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען צְווֵיי תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט גֶעהֵייסְן ר' חַיִּים קְרַאסְנֶער זַצַ"ל. קוּמְט'ס אַרַיין, הָאט מֶען זֵיי שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען אִין שְׁטוּבּ, דִי קִינְדֶער אִין שְׁטוּבּ זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען גֶעווּאוֹינְט, אַז גְרוֹיסֶע גֶעסְט, חָשׁוּבֶע הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, תַּלְמִידִים פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב - אוּן פוּן דֶעם מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִּיד - קוּמֶען זֵייעֶר אָפְט בַּאזוּכְן דִי הֵיילִיגֶע שְׁטוּבּ.

דֶער קְלֵיין נַחְמָן הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט נֶעבְּן דִי חָשׁוּבֶע גֶעסְט אוּן צוּגֶעהֶערְט וָואס זֵיי רֶעדְן מִיטְן טַאטְן. וָואס מַאכְט אִיר? אַוְואוּ אַהִין פָארְט אִיר? הָאט דֶער טַאטֶע גֶעפְרֶעגְט דִי גֶעסְט, בָּרוּךְ ה', גֶעלוֹיבְּט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מִיר פָארְן קַיין פּוֹלְנָאָה, צוּם הֵיילִיגְן "תּוֹלְדוֹת". דֶער תּוֹלְדוֹת וָואס הָאט גֶעהֵייסְן ר' יַעֲקֹב יוֹסֵף פוּן פּוֹלְנָאָה זַצַ"ל אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי גְרֶעסְטֶע תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ, עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען דֶעמָאלְס זֵייעֶר אַלְט, אוּן דִי צְווֵיי תַּלְמִידִים זֶענֶען גֶעפָארְן לֶערְנֶען בַּיי אִים תּוֹרָה אוּן עֲצוֹת אִין עֲבוֹדַת ה'.

דֶער אִינְגֶעלֶע נַחְמָן הָאט דָאס אַלֶעס צוּגֶעהֶערְט פוּן דֶער זַייט, אַסַאךְ אַסַאךְ גוּטֶע רְצוֹנוֹת אוּן עֶרְלִיכְקֵייט הָאט דֶער קְלֵיין נַחְמָן בַּאקוּמֶען אוּן אֵיינְגֶעזַאפְּט אִין זִיךְ, צוּהֶערְנְדִיג זִיךְ צוּ דִי שְׁמוּעֶסְן פוּן אָט דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס פְלֶעגְן אֵיינְשְׁטֵיין בַּיי זֵיי. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט מֵעִיד גֶעוֶוען אִין דִי שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן, אַז דִי אַלֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט, הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ הָאפֶענוּנְג אַז אוֹיךְ עֶר קֶען זַיין אַ צַדִּיק, אוּן דִינֶען בֶּאֱמֶת דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

אוֹיךְ יֶעצְט הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אִין זַיין לוֹיטֶערֶע הַארְץ אַ מוֹרָא'דִיגֶע ווִילְן, אִיךְ ווִיל פָארְן צוּם הֵיילִיגְן צַדִּיק! אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין נָאר צוּ קוּקְן אוֹיף זַיין הֵיילִיגְן גֶעזִיכְט! אִיךְ גֵיי אוֹיךְ מִיטְפָארְן מִיט דִי תַּלְמִידִים צוּם הֵיילִיגְן "תּוֹלְדוֹת"!

מִיט תְּמִימוּת אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין טַאטֶע אוּן גֶעזָאגְט "טַאטֶע, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ מִיט פָארְן מִיט זֵיי צוּם "תּוֹלְדוֹת", אִיךְ קֶען?

וָואס? הָאט דֶער טַאטֶע גֶעפְרֶעגְט פַארְווּאוּנְדֶערְט, דוּ ווִילְסְט פָארְן קַיין פּוֹלְנָאָה? וָואס עֶפֶּעס? אַזַא קְלֵיין קִינְד? עֶס קוּמְט נִישְׁט אִין בַּאטְרַאכְט!

אָבֶּער טַאטֶע, הָאט דֶער קְלֵיין נַחְמָן נִישְׁט גֶעלָאזְט אוּן וַוייטֶער גֶעבֶּעטְן, אִיךְ בִּין שׁוֹין אַבִּיסְל גְרוֹיס, אוּן אִיךְ וֶועל זַיין זֵייעֶר ווָאוֹיל, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק פָארְן צוּם צַדִּיק, אֶפְשָׁר דָאךְ?

נֵיין, נֵיין, דָאס קֶען נִישְׁט קוּמֶען אִין בַּאטְרַאכְט, ס'אִיז צוּ אַ לַאנְגֶע וֶועג, סְאִיז נִישְׁט פַאר דִיר אַזַא נְסִיעָה, לָאז אָפּ, אֶפְשָׁר וֶוען דוּ וֶועסְט אַבִּיסְל עֶלְטֶער וֶוערְן וֶועסְטוּ פָארְן, הָאט דֶער טַאטֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט.

אִיךְ ווִיל פָארְן צוּם צַדִּיק... הָאט דֶער יוּנְגֶער נַחְמָן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען, טַאטֶע, אִיךְ ווִיל מִיטְפָארְן מִיט זֵיי, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן מִיט טְרֶערְן, אָבֶּער

דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט צוּגֶעשְׁטִימְט צוּ אַזַא פַארְלַאנְג, אַוֶועקְצוּשִׁיקְן אַ קְלֵיין קִינְד, אוֹיף אַזֶעלְכֶע וֶועגְן. אַמָאל אִיז מֶען גֶעפָארְן מִיט פֶערְד אוּן וָואגְן, נִישְׁט אַזוֹי וִוי הַיינְט, סְ'אִיז גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי פָּשׁוּט צוּ אַרוֹיסְפָארְן אוֹיף אַזַא וֶועג.

אַזוֹי הָאט דֶער קְלֵיין נַחְמָן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן פוּן זַיין טַאטֶע מַאמֶע זֵיי זָאלְן אִים לָאזְן מִיט פָארְן מִיט דִי תַּלְמִידִים צוּם צַדִיק, עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן. דֶערְוַוייל הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין דִי הֵיילִיגֶע גֶעסְט גֶעגְרֵייט צוּ אַרוֹיסְגֵיין אִין וֶועג, דֶער טַאטֶע הָאט זֵיי בַּאגְלֵייט צוּם וָואגְן אָנְוואוּנְטְשְׁנְדִיג צֵאתְכֶם לְשָׁלוֹם, וֶוען דֶער קְלֵיין נַחְמָן לוֹיפְט זֵיי נָאךְ, שְׁלֶעפְּט דִי אַרְבְּל פוּן טַאטְן אוּן בֶּעט זִיךְ אַיין, אִיךְ וִויל פָארְן צוּם צַדִיק.....

דִי תַּלְמִידִים זֶענֶען שׁוֹין אַרוֹיף אוֹיפְן וָואגְן, מֶען וִויל זִיךְ שׁוֹין אַרוֹיסְלָאזְן אוֹיפְן וֶועג, אָבֶּער נַחְמָן לָאזְט נִישְׁט נָאךְ, עֶר שְׁטֶעלְט אַוֶועק זַיין פִיס אוֹיף דִי אַייזֶערְנֶע טְרֶעפְּלֶעך פוּן וָואגְן, אוּן וִויל זִיךְ נִישְׁט רִירְן פוּן אָרְט. "צָרִיךְ לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת ה'"- מֶען דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן אִין עֲבוֹדַת ה'" וֶועט דֶער קְלֵיין וואוּילֶער אִינְגְל, לֶערְנֶען יָארְן אַרוּם פַאר דִי שְׁפֶּעטֶער דוֹרוֹת, צוּ וִויסְן וִויפִיל מֶען דַארְף זִיךְ עַקְשָׁנֶ'ען אוֹיף אַ הֵיילִיגֶע זַאךְ, בִּפְרָט "לְדַבֵּר גָּדוֹל הַצָּרִיךְ לְיַהֲדוּתוֹ, כְּגוֹן לִנְסֹעַ לַצַּדִיק - אַזַא גְרוֹיסֶער זַאךְ, וִוי פָארְן צוּ אַ צַדִיק"... דֶער בַּעַל עֲגָלָה שְׁטֵייט שׁוֹין גְרֵייט מִיט דִי לֵייטְשֶׁעס, עֶר וִויל אַרוֹיסְפָארְן צוּם וֶועג, אָבֶּער דֶער קְלֵיין נַחְמָן רִירְט זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק פוּן דִי טְרֶעפְּלֶעך, אוּן בֶּעט זִיךְ נָאךְ אַלְס אַיין מִיט טְרֶערְן, אִיךְ וִויל פָארְן צוּם צַדִיק, (סְאִיז דָא אַ דֵעָה, אַז עֶר הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט זַיינֶע פִיסֶעלֶעך אוּנְטֶער דִי רֶעדֶער פוּנֶעם וָואגְן...)

אוֹיפְן וָואגְן אִיז גֶעזֶעצְן דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק ר' חַיִּים קְרַאסְנֶער, אוּן אַרוֹיסְגֶעקוּקְט פוּן וָואגְן אוֹיפְן קִינְד, סְ'אִיז גָארְנִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּט, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט בַּיי זִיךְ, דָאס אִיז נִישְׁט סְתַּם אַ וֵויינֶערַיי פוּן אַ קִינְד, דָאס אִיז אַ לוֹיטֶערֶער רָצוֹן פוּן אַ הֵיילִיג קִינְד, עֶר וִויל אֶמֶת'דִיג פָארְן צוּם צַדִיק! אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ אִים הֶעלְפְן? אִיךְ וֶועל אִים נֶעמֶען מִיט מִיר! הָאט עֶר פֶעסְט בַּאשְׁלָאסְן בַּיי זִיךְ.

אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה, ר' חַיִּים קְרַאסְנֶער אִיז פְלִינְק אַרָאפּ פוּנֶעם וָואגְן, צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם טַאטְן אוּן גֶעזָאגְט שְׁטִיל, דָאס קִינְד וִויל בֶּאֱמֶת אַ וואוּילֶע זַאךְ, אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ אִים נֶעמֶען מִיט מִיר, אִיךְ וֶועל הִיטְן אוֹיף אִים דִי גַאנְצֶע וֶועג, אוּן אִים אוֹיךְ צוּרִיק אַהֵיים בְּרֶענְגֶען בְּשָׁלוֹם צוּרִיק אִין שְׁטוּב. הֶערְנְדִיג דִי וֶוערְטֶער הָאט דֶער טַאטֶע צוּגֶעשְׁטִימְט, אַזַא בַּאגְלֵייטֶער וִוי ר' חַיִּים אַלֵיין קֶען גָארְנִישְׁט זַיין בֶּעסֶער, זָאל דֶער קִינְד פָארְן לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם. דֶער טַאטֶע אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם קְלֵיין נַחְמָן וָואס אִיז נָאךְ אַלְץ גֶעשְׁטַאנֶען נֶעבְּן וָואגְן אוּן גֶעוֵויינְט, אוּן גֶעזָאגְט: "קוּם נַחְמָן דַארְפְסְט נִישְׁט וֵויינֶען, דוּ קֶענְסְט פָארְן מִיט ר' חַיִּים צוּם צַדִיק....."

דָאס פְרֵייד אוּן גְלִיק פוּן דֶעם קְלֵיין נַחְמָן קֶען מֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, עֶר הָאט גֶעשְׁפְּרִינְגֶען פוּן שִׂמְחָה אוּן דַאנְק צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, עֶר אִיז שְׁנֶעל אַרוֹיפְגֶעלָאפְן אוֹיפְן וָואגְן אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט נֶעבְּן ר' חַיִּים גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, דִי מַאמֶע הָאט שְׁנֶעל צַאמְגֶעפַּאקְט אַ זֶעקְל אוֹיפְן וֶועג, אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעפָארְן קַיין פוֹלְנְאָה....

דֶער קְלֵיין נַחְמָן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן "תּוֹלְדוֹת" אוּן זֶען זַיין הֵיילִיגֶע צוּרָה, מַמָּשׁ אַ קוּרְצֶע צַייט פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת, אוּן אִיז שְׁפֶּעטֶער אַהֵיים גֶעקוּמֶען בְּשָׁלוֹם. יָארְן שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער קְלֵיין וואוּילֶער אִינְגֶעלֶע אִיז גְרוֹיס גֶעוָוארְן אוּן בַּאוואוּסְט גֶעוָוארְן, אַלְס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' נַחְמָן מִבְּרֶסְלַב זַצַ"ל, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט אַ גְרוֹיסֶע הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר דֶעם צַדִיק ר' חַיִּים קְרַאסְנֶער, וָואס דוּרְךְ אִים הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן תּוֹלְדוֹת.

אַ הֵיילִיגֶער רָצוֹן פוּן אַ קִינְד אִיז זֵייעֶר טַייעֶר. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן אוֹיף גוּטֶע רְצוֹנוֹת, אוֹיף אַלֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זִיךְ אַזוֹי גֶ'עַקְשָׁנְ'ט מִיט תְּפִלּוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת, נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן אוֹיפְן ווִילְן. אִיךְ וִויל זַיין אַ אִישׁ כָּשֵׁר! אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ! אִיךְ וִויל זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן אַן עֲבֵרָה! אִיךְ וִויל תְּשׁוּבָה טוּן בֶּאֱמֶת בְּלֵב שָׁלֵם! אוּן אַזוֹי נָאךְ אוּן נָאךְ בִּיז עֶר הָאט אַלֶעס גֶע'פּוֹעֶלְ'ט בַּיים הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אוּן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶערְגְרֵייכְן אִין זַיין לֶעבְּן צוּ אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע מַדְרֵגוֹת וָואס מִיר קֶענֶען זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן. חִידוּשׁ כְּמוֹתוֹ לֹא הָיָה מֵעוֹלָם וְעַד עוֹלָם....

# לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה

אַמָאל אִיז דִי רֶעבֶּיצִין פוּן הָרַב הֶחָסִיד ר' יַעֲקֹב זְאֵב בַּארְזֶעסְקִי ז"ל גֶעוֶוען זֵייעֶר קְרַאנְק און מֶען אִיז גֶעקוּמֶען אִיר נֶעמֶען אִין שְׁפִּיטָאל מִיט אַן אַמְבּוּלַאנְס. ר' יַעֲקֹב זְאֵב הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט זֵייעֶר זֵייעֶר בַּאזָארְגְט און דֶערְשְׁרָאקְן, הָאט זִיךְ זַיין פְרוֹי אָנְגֶערוּפְן צוּ אִים און גֶעזָאגְט: "יֶענְקְל, וָואס אִיז מִיט דִיר? בִּיסְט דָאךְ אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט אַז מִיט שִׂמְחָה גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן



אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען... אִיךְ גֵיי שׁוֹין בַּאלְד אַהֵיימְקוּמֶען" נָאכְן הֶערְן אַזַא פָּארְצִיעֶ פוּן זַיין רֶעבֶּיצִין הָאט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנְט אִין דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן און הָאט זִיךְ צוּרִיק גֶעשְׁטַארְקְט. וַוייל אַלֶע יָארְן פְלֶעגְט עֶר רֶעדְן אִין שְׁטוּב פוּן דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן רֶבִּי'ן און דִי עֵצוֹת וָואס דֶער רֶבִּי גִיבְּט פַארְן לֶעבְּן, און טַאקֶע בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט אִיז זִי שׁוֹין גֶעוֶוען צוּרִיק אִין שְׁטוּב גֶעזוּנְט און פְרִישׁ. (מפי בנו ר' אהרן דוד בארזעסקי)



הָרַב הֶחָסִיד ר' אֶלְחָנָן סְפֶּעקְטוֹר ז"ל פְלֶעגְט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרֶעקְן און נֶעמֶען צוּם הַארְצְן וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַ קִינְד זִיךְ צֶעקְלַאפְּן און כַאפְּן אַבִּיסְל בְּלוּט, עֶס פְלֶעגְט אִים בַּאנֶעמֶען מַמָּשׁ עַד עִמְקֵי לְבָבוֹ, אֵיינְמָאל אִין זַיינֶע עֶלְטֶערֶע יָארְן וֶוען עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט בַּיי זַיין טָאכְטֶער אִין שְׁטוּב הָאט זִיךְ אַמָאל גֶעמַאכְט אַז אַ קִינְד אִיז גֶעפַאלְן און זִיךְ צוּבְּלוּטִיגְט, ר' אֶלְחָנָן אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן און צֶעשְׁטוּרֶעמְט, הָאט אִים זַיין טָאכְטֶער גֶעפְרֶעגְט: "טַאטֶע, פַארְוָואס וֶוערְט אִיר אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן? נִישְׁט מֶער אַז אַ קִינְד הָאט זִיךְ אַבִּיסְל צוּבְּלוּטִיגְט, וָואס קֶען שׁוֹין זַיין? נָאךְ אַפָּאר מִינוּט גֵייט זִיךְ דָאס קִינְד בַּארוּאִיגְן?", הָאט ר' אֶלְחָנָן אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַלֶעס וָואס טוּט זִיךְ אַרוּם דֶעם מֶענְטְשׁ יֶעדְן טָאג אִיז רְמָזִים וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אִים צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם תַּכְלִית, מֶען דַארְף אַלֶעמָאל אַרוּמְקוּקְן אוֹיף וָואס עֶס פַּאסִירְט אַרוּם זִיךְ און טְרַאכְטְן צוּ זִיךְ 'וָואס רֶעדְט דָא דֶער בַּאשֶׁעפֶער צוּ מִיר מִיט דֶעם פַּאסִירוּנְג?' דֶערִיבֶּער אַז אִיךְ זֶע בְּלוּט וֶוער אִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, וָואס קוּמְט עֶס מִיר אוֹיפְוֶועקְן? וָואס ווִיל מִיר ה' יִתְבָּרַךְ מְרַמֵּז זַיין מִיט דֶעם?".

אַ לֶעבְּן מִיט אַ טִיפֶערֶע בַּאדַייט, דָאס אִיז אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד!

[דֶער ׳בַּעַל-תְּפִילָה׳ דֶערְצֵיילְט זֵיי וַוייטֶער]: און דִי ׳מַעֲשֶׂה׳ אִיז אַזוֹי גֶעוֶוען: אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ ׳מֶלֶךְ׳, מִיט אַ ׳מַלְכָּה׳! אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ ׳בַּת-יְחִידָה׳! אוּן סְ׳גֶעקוּמֶען נָאנְט צוּ דֶער צַייט וָואס מְ׳הָאט אִיר בַּאדַארְפְט ׳חֲתוּנָה׳ צוּ מַאכְן.

הָאט מֶען גֶעזֶעצְט ׳יוֹעֲצִים׳, מֶען זָאל אַ ׳עֵצָה׳ הַאלְטְן, וֶועמֶען מֶען זָאל אִיר גֶעבְן אוּן אִיךְ בִּין דָארְט אוֹיךְ גֶעוֶוען צְוִוישְׁן דִי ׳יוֹעֲצִים׳ (דְהַיְינוּ: דֶער ׳בַּעַל-תְּפִילָה׳ וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ פַאר זֵיי) – וָוארְן דֶער ׳מֶלֶךְ׳ הָאט מִיךְ לִיבּ גֶעהַאט!

אִיז מַיין ׳עֵצָה׳ גֶעוֶוען: ״אַז מֶען זָאל אִיר גֶעבְן ׳דֶעם [חֲתוּנָה מַאכְן מִיטְן] גִבּוֹר׳! – וָוארְן דֶער ׳גִבּוֹר׳ הָאט אוּנְז גֶעטָאן ׳כַּמָה טוֹבוֹת׳, וָוארְן עֶר הָאט אַיינְגֶענוּמֶען ׳כַּמָה מְדִינוֹת׳! – אִיבֶּערְדֶעם קֶער מֶען [אִיז רָאוּי] אִים צוּ גֶעבְן דִי ׳בַּת-מַלְכָּה׳ פַאר אַ ׳וַוייבּ׳״!

אִיז מַיין ׳עֵצָה׳ זֵייעֶר גֶעפֶעלְן! – אוּן זֵיי הָאבְּן אַלֶע דֶערוֹיף מַסְכִּים גֶעוֶוען! – אוּן סְ׳אִיז דָארְט גֶעוֶוען אַ ׳גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה׳, [אוֹיף דֶעם] וָואס מֶען הָאט גֶעפִינֶען אַ ׳חָתָן׳ צוּ דֶער ׳בַּת-מַלְכָּה׳!

הָאט מֶען דִי ׳בַּת-מַלְכָּה׳ חֲתוּנָה גֶעמַאכְט, מִיט דֶעם ׳גִבּוֹר׳! הָאט דִי ׳בַּת-מַלְכָּה׳ גֶעהַאט אַ ׳קִינְד׳!

אוּן דָאס ׳קִינְד׳ אִיז גֶעוֶוען, זֵייעֶר אַ ׳ווִילְד-גְרוֹיסֶער פַארְשׁוֹין׳ [יְפֵה-תּוֹאַר; שֵׁיין גֶעשְׁטַאלְט], וָואס סְ׳אִיז גָאר קַיין ׳מֶענְטְשְׁלִיךְ שֵׁיינְקֵייט׳ נִישְׁט גֶעוֶוען! – אוּן זַיינֶע ׳הָאר׳ זֶענֶען גֶעוֶוען פוּן ׳גָאלְד׳, אוּן הָאבְּן גֶעהַאט אַלֶע-עֶרְלֵיי ׳פַארְבְּן׳! – אוּן זַיין ׳פָּנִים׳ אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי-וִוי דִי זוּנֶען [שֵׁיין פוּנֶעם זוּן]! – אוּן זַיינֶע ׳אוֹיגְן׳ זֶענֶען גֶעוֶוען אַנְדֶערֶע ׳אוֹרוֹת׳ (כְּלוֹמַר: לֶעכְטְן [לִיכְטִיגְקַייטְן])!

אוּן דָאס ׳קִינְד׳ אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן מִיט ׳גְרֵייטֶער [פַארְטִיגֶע] חָכְמָה׳! – וָוארְן מֶען הָאט אִין אִים גֶעזֶעהְן תֵּיכֶּף וִוי עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן: ״אַז עֶר אִיז שׁוֹין אַ ׳גְרֵייטֶער [פַארְטִיגֶער] חָכָם״! וָוארְן אַז ׳מֶענְטְשְׁן׳ הָאבְּן גֶעשְׁמוּעֶסְט – [אִיז] דָארְטְן וואוּ מְ׳הָאט בַּאדַארְפְט לַאכְן, הָאט עֶר גֶעלַאכְט! – אוּן אַזוֹי דֶעסְטְגְלַייכְן אַנְדֶערֶע זַאכְן!

[וַוייל] מְ׳הָאט אִין אִים דֶערְקֶענְט: ״אַז עֶר אִיז [שׁוֹין] אַ ׳גְרוֹיסֶער חָכָם״! – נָאר [אַז] עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט דִי ׳תְּנוּעוֹת׳ [בַּאוֶועגוּנְג] פוּן אַ ׳גְרוֹיסְן׳! – דְהַיְינוּ: [אַז] עֶר קֶען נָאךְ נִישְׁט ׳רֶעדְן׳! אוּן אַזוֹי אַנְדֶערֶע זַאכְן! – אָבֶּער דָאס הָאט מֶען אָנְגֶעזֶעהְן תֵּיכֶּף: ״אַז עֶר אִיז שׁוֹין אַ ׳גְרוֹיסֶער חָכָם״!

אוּן בַּיי דֶעם ׳מֶלֶךְ׳, אִיז גֶעוֶוען אַ ׳מֵלִיץ׳! דְהַיְינוּ: אַ ׳רֶעדֶער׳, אַ ׳בַּעַל לָשׁוֹן וּמְלִיצָה׳ – וָואס עֶר הָאט גֶעקֶענְט רֶעדְן ׳זֵייעֶר שֵׁיינֶע רֵייד׳, ׳זֵייעֶר שֵׁיינֶע שְׁפְּרַאכְן׳, אוּן ׳שִׁירוֹת׳, אוּן ׳תּוּשְׁבָּחוֹת׳ – צוּם ׳מֶלֶךְ׳!

אוּן דֶער ׳מֵלִיץ׳, אִיז [פוּן זִיךְ] אַלֵיין אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ ׳שֵׁיינֶער מֵלִיץ׳! – נָאר דֶער ׳מֶלֶךְ׳ הָאט אִים גֶעוִויזְן דֶעם ׳שְׁלַייךְ׳ אוּן דֶעם ׳וֶועג׳, פוּן וַואנֶען עֶר זָאל [אַרוֹיפְגֵיין, צוּ] נֶעמֶען דֶעם ׳כֹּחַ׳ פוּן דֶער ׳חָכְמָה פוּן מְלִיצָה׳! – אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר גֶעוֶוען: ״זֵייעֶר אַ ׳ווִילְד [וואוּנְדֶערְלִיכֶע] גְרוֹיסֶער מֵלִיץ״!

ווִידֶער הָאט דֶער ׳מֶלֶךְ׳ גֶעהַאט אַ ׳חָכָם׳! אוּן דֶער ׳חָכָם׳, אִיז [פוּן זִיךְ] אַלֵיין אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ ׳חָכָם׳! – נָאר דֶער ׳מֶלֶךְ׳ הָאט אִים גֶעוִויזְן אַ ׳וֶועג׳, פוּן וַואנֶען עֶר זָאל [אַרוֹיפְגֵיין, אוּן] נֶעמֶען ׳חָכְמָה׳! – אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר גֶעוֶוען: ״זֵייעֶר אַ ׳ווִילְד גְרוֹיסֶער חָכָם״!

אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] דֶער ׳גִבּוֹר׳, אִיז גֶעוֶוען [פוּן זִיךְ] אַלֵיין אַ ׳גִבּוֹר׳! נָאר דֶער ׳מֶלֶךְ׳ הָאט אִים גֶעוִויזְן דֶעם ׳וֶועג׳, פוּן וַואנֶען עֶר זָאל [אַרוֹיפְגֵיין, אוּן] נֶעמֶען ׳גְבוּרָה׳! – אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר גֶעוֶוען: ״זֵייעֶר אַ ׳ווִילְד [וואוּנְדֶערְלִיכְן אוּן פָארְכְטִיגְן] גְרוֹיסֶער גִבּוֹר״!

וָוארְן סְ׳אִיז פַארְהַאנְדְן אַ ׳שְׁוֶוערְד׳, וָואס זִי הֶענְגְט אִין דֶער ׳לוּפְטְן׳! אוּן דִי [דָאזִיגֶע] ׳שְׁוֶוערְד׳, הָאט ׳דְרֵיי כּוֹחוֹת׳! אַז מְ׳הֵייבְּט אוֹיף דִי ׳שְׁוֶוערְד׳ – אַזוֹי [דַאן] צוּלוֹיפְן זִיךְ אַלֶע ׳עֶלְטְסְטֶע׳ [אַלֶע שָׂרִים] פוּן דֶעם ׳חַיִל׳ [מִילִיטֶער]!

הָאבְּן זֵיי שׁוֹין מְמֵילָא אַ ׳מַפָּלָה׳ (דְהַיְינוּ: דִי ׳שׂוֹנְאִים׳)!

– וָוארן אַז די 'עֶלְטְסְטֶע' [שָׂרים] אַנְטְלוֹיפְן, הָאט [קֶען] קֵיינֶער נִישְׁט צוּ פִירְן די 'מִלְחָמָה' – הָאבְּן זֵיי שׁוֹין בְּוַודַאי אַ 'מַפָּלָה'! נָאר פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָארְט – וָואלְטְן אֶפְשַׁר פָּארְט די אִיבְּרִיגֶע, גֶעקֶענְט עֶפֶּעס נָאךְ 'מִלְחָמָה' הַאלְטְן.

הָאט אָבֶּער די 'שְׁוֶוערְד': 'צְוֵויי שַׁארְפְן'! אוּן זֵיי הָאבְּן: 'צְוֵויי כּוֹחוֹת'! – דוּרְךְ 'אֵיין שַׁארְף', פַאלְן זֵיי אַלֶע! – אוּן דוּרְךְ דֶער 'אַנְדֶערֶער שַׁארְף', קְרִיגְן זֵיי די 'דַאר' (דְהַיְינוּ: די 'שׂוֹנְאִים' וָואס מֶען הַאלְט מִיט זֵיי 'מִלְחָמָה'), דְהַיְינוּ: זֵיי וֶוערְן 'מָאגֶער', אוּן דָאס 'לֵייבּ' [קֶערְפֶּער] פַאלְט זֵיי אָפּ, אַזוֹי־וִוי די [דָאזִיגֶע] 'קְרֶענְק' אִיז רַחֲמָנָא־לִיצְלָן!

אוּן נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס מְ'טוּט אַ מַאךְ מִיט דֶער 'שְׁוֶוערְד' דָארְט וִוי זִי אִיז – קְרִיגְן שׁוֹין די 'שׂוֹנְאִים', די זַאכְן הַנַ"ל – דְהַיְינוּ: דוּרְכְדֶעם וָואס מְ'מַאכְט מִיט 'דֶער שַׁארְף', הָאבְּן די 'שׂוֹנְאִים' גָאר אַ 'מַפָּלָה'! – אוּן דוּרְכְדֶעם וָואס מְ'מַאכְט מִיט דֶער 'אַנְדֶערֶער שַׁארְף', קְרִיגְן די 'שׂוֹנְאִים' די 'דַאר', כַּנַ"ל.

אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גֶעוויזְן דֶעם 'גִבּוֹר': דֶעם 'וֶועג' וָואס סְ'אִיז פַארְהַאנְדְן [פַארְהַאנֶען] צוּ דֶער [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] 'שְׁוֶוערְד'! – אוּן פוּן דָארְט הָאט עֶר גֶענוּמֶען זַיין גְרוֹיסֶע 'גְבוּרָה'!

אוּן מִיר [דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה'] הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' אוֹיךְ גֶעוויזְן דֶעם 'וֶועג', פוּן וַואנֶען אִיךְ זָאל נֶעמֶען מַיין זַאךְ! – הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען פוּן דָארְט, דָאס וָואס אִיךְ בַּאדַארְף! (כְּלוֹמַר: דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה' וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אַז אִים הָאט אוֹיךְ דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעוויזְן דֶעם 'וֶועג', פוּן וַואנֶעט עֶר זָאל נֶעמֶען זַיין זַאךְ, דְהַיְינוּ: 'תְּפִילָה'")!

אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעהַאט אַ 'אוֹהֵב־נֶאֱמָן'! (כְּלוֹמַר: אַ 'גוּטְן פְרַיינְד' אַ 'גֶעטְרֵייעֶן') וָואס עֶר הָאט זִיךְ לִיבּ גֶעהַאט מִיט דֶעם 'מֶלֶךְ', מִיט 'זֵייעֶר גְרוֹיס [וואוּנְדֶערְלִיכֶע אוּן פָּארְכְטִיגֶע] לִיבְּשַׁאפְט'! זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי [שְׁטַארְק] לִיבּ גֶעהַאט – בִּיז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין, אֵיינֶער אָן דֶעם אַנְדֶערְן, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אַ 'שָׁעָה' נִישְׁט זֶעהְן!

נָאר סְ'אִיז זִיךְ אָבֶּער פָּארְט פַארְהַאנְדְן [פַארְהַאנֶען] צַייט [אַזֶעלְכֶע שָׁעוֹת], וָואס מְ'מוּז נִישְׁט זַיין אִינְאֵיינֶעם – הָאבְּן זֵיי [דֶערִיבֶּער] גֶעהַאט 'פַּאטְרֶעטְן' [בִּילְדֶער] – וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעמָאלְט [אוֹיסְגֶעמָאלְן] זֵייעֶרֶע בֵּיידֶע 'צוּרוֹת'! – פְלֶעגְן זֵיי זִיךְ מְשַׁעֲשֵׁעַ זַיין (כְּלוֹמַר: 'תַּעֲנוּג' אוּן 'נַחַת' הָאבְּן [זִיךְ טְשַׁאטְשְׁקֶענֶען]) מִיט די 'צוּרוֹת', דֶעמָאלְט אַז [וֶוען] זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶעהְן!

אוּן די 'צוּרוֹת' זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי אוֹיסְגֶעמָאלְט [אוֹיסְגֶעמָאלְן], אַזוֹי־וִוי דֶער 'מֶלֶךְ' מִיט דֶעם 'אוֹהֵב־נֶאֱמָן' הָאבְּן זִיךְ לִיבּ, אוּן וִוי זֵיי קוּשְׁן זִיךְ אוּן הַאלְזְן זִיךְ מִיט 'גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט'!

אוּן די [דָאזִיגֶע] 'פַּאטְרֶעטְן', הָאבְּן אִין זִיךְ אַ 'סְגוּלָה' גֶעהַאט: אַז וֶוער סְ'הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף די 'צוּרוֹת', הָאט עֶר גֶעקְרִיגְן 'גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט'! (כְּלוֹמַר: די מִידָה פוּן 'אַהֲבָה' הָאט מֶען גֶעקְרִיגְן אַז [וֶוען] מְ'הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף די 'צוּרוֹת').

אוּן דֶער 'אוֹהֵב־נֶאֱמָן' – הָאט אוֹיךְ גֶענוּמֶען די 'אַהֲבָה' (דְהַיְינוּ: דָאס 'לִיבְּשַׁאפְט') – פוּן דֶעם 'אָרְט' וָואס דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט אִים גֶעוויזְן!

אִיז גֶעקוּמֶען אַ צַייט – וָואס די אַלֶע זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִיטְלֶעכֶער אִין זַיין 'אָרְט' אַרַיין – אַז עֶר זָאל דָארְט נֶעמֶען זַיין 'כֹּחַ' פוּן זַיין זַאךְ – דְהַיְינוּ: דֶער 'מֵלִיץ', אוּן דֶער 'גִבּוֹר', אוּן די 'אַלֶע לַייט' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ' – אִיז אִיטְלֶעכֶער גֶעגַאנְגֶען אִין זַיין 'אָרְט' אַרַיין, עֶר זָאל דָארְט בַּאנַייעֶן זַיין כֹּחַ!

[דֶער בַּעַל־תְּפִילָה דֶערְצֵיילְט זֵיי וַוייטֶער]

וַיְהִי הַיּוֹם! אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער 'רוּחַ־סְעָרָה' (דְהַיְינוּ: אַ 'שְׁטוּרֶעם־ווינְט') אוֹיף דֶער וֶועלְט! אוּן דֶער 'רוּחַ־סְעָרָה' הָאט מְבַלְבֵּל גֶעוֶוען (כְּלוֹמַר: פַארְמִישְׁט), גָאר די [גַאנְצֶע] וֶועלְט! אוּן עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעקֶערְט: פוּן 'יָם' [צוּ] 'יַבָּשָׁה'! אוּן פוּן 'יַבָּשָׁה' [צוּ] 'יָם'! אוּן פוּן 'מִדְבָּר' [צוּ] 'יִשּׁוּב'! אוּן פוּן 'יִשּׁוּב' [צוּ] 'מִדְבָּר'! אוּן עֶר הָאט גָאר די [גַאנְצֶע] וֶועלְט אִיבֶּערְגֶעקֶערְט!

אוּן דֶער 'רוּחַ־סְעָרָה' אִיז אַרַיין, צוּם 'מֶלֶךְ' אִין שְׁטוּבּ אַרַיין! – אוּן דֶער 'רוּחַ־סְעָרָה' הָאט דָארְט גָארְנִישְׁט

גֶעטָאן (כְּלוֹמַר: עֶר הָאט דָארְט בַּיים 'מֶלֶךְ', קַיין שׁוּם שָׁאדְן נִישְׁט גֶעטָאן) – נָאר עֶר אִיז אַרַיין (דֶער 'רוּחַ־סְעָרָה'), אוּן הָאט אַװעקְגֶעכַאפְּט דָאס 'קִינְד' פוּן דֶער 'בַּת־מַלְכָּה' הַנַ"ל אוּן אִין דֶעם 'אוּמְפֶּעט' [רַעשׁ] – תֵּיכֶּף ווִי עֶר הָאט אַװעקְגֶעכַאפְּט דָאס 'טַייעֶרע קִינְד' – אִיז תֵּיכֶּף דִי 'בַּת־מַלְכָּה' נָאךְ [נָאכְגֶעיָאגְט]! (כְּלוֹמַר: דִי 'בַּת־מַלְכָּה' הָאט תֵּיכֶּף אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְלוֹיפְן נָאךְ דֶעם 'קִינְד', זִי זָאל עֶס צוּרִיקְכַאפְּן – אִיז זִי [דִי 'בַּת־מַלְכָּה'] אוֹיךְ עֶרְגֶעץ אַװעק, אוּן מְ'וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ)!

אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] דִי 'מַלְכָּה' – אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] דֶער 'מֶלֶךְ' – זֶענֶען אַלֶע נָאךְ [נָאכְגֶעיָאגְט], נָאךְ דֶעם 'קִינְד'! בִּיז זֵיי זֶענֶען אַלֶע צוּשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן – אוּן מְ'וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ זֵיי זֶענֶען!

אוּן מִיר אַלֶע [אַנְדֶערֶע לַייט פוּנֶעם 'מֶלֶךְ' – 1) 'בַּעַל־תְּפִילָה'. 2) 'גִבּוֹר'. 3) 'מֵלִיץ'. 4) 'חָכָם'. 5) 'אוֹהֵב־נֶאֱמָן'], זֶענֶען דֶערְבַּיי [בַּיים 'רוּחַ־סְעָרָה'] גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען! – וָוארְן מִיר זֶענֶען דֶעמָאלְט אַװעקְגֶעגַאנְגֶען אִיטְלֶעכֶער אִין זַיין 'אָרְט' אַרַיין, צוּ בַּאנֵייעֶן זַיין 'כֹּחַ', כַּנַ"ל – אוּן וִוי [וֶוען] מִיר זֶענֶען צוּרִיקְגֶעקוּמֶען – הָאבְּן מִיר זֵיי אַלֶע שׁוֹין נִישְׁט גֶעפוּנֶען, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

אוּן דִי [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] 'יַד', אִיז אוֹיךְ פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן דֶעמָאלְט! אוּן פוּן דֶעמָאלְט אָן [פוּנֶעם 'רוּחַ־סְעָרָה'], זֶענֶען מִיר אַלֶע צוּשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן! – אוּן מִיר קֶענֶען שׁוֹין נִישְׁט גֵיין אִיטְלֶעכֶער אִין זַיין 'אָרְט' אַרַיין, צוּ בַּאנֵייעֶן זַיין 'כֹּחַ'! – וָוארְן אַז דִי [גַאנְצֶע] וֶועלְט אִיז שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעקֶערְט [אוּן צוּמִישְׁט] גֶעוָוארְן – בַּאדַארְף מֶען זִיךְ שׁוֹין אַנְדֶערֶע וֶועגְן הַיינְט [לוֹיט וִויאַזוֹי דִי פְּלֶעצֶער הָאבְּן זִיךְ פַארְטוֹישְׁט אוּן פַארְעֶנְדֶערְט]!

[אוּן] אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם], קֶענֶען מִיר שׁוֹין נִישְׁט אַרוֹיפְגֵיין ווִידֶער, אִיטְלֶעכֶער אִין זַיין 'אָרְט' אַרַיין, עֶר זָאל נֶעמֶען [בַּאנֵייעֶן] זַיין 'כֹּחַ' [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]! נָאר דִי 'רְשִׁימָה' וָואס בַּיי אִיטְלֶעכְן אִיז גֶעבְּלִיבְּן (כְּלוֹמַר: דֶער 'צֵייכְן', דְהַיְינוּ: דָאס בִּיסְל 'כֹּחַ' וָואס סְ'אִיז נָאךְ בַּיי אִיטְלֶעכְן גֶעבְּלִיבְּן פוּן לַאנְג) – אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר גְרוֹיס!

אוּן אוֹיבּ דֶער 'גִבּוֹר' (וָואס דִי 'מְדִינָה' הָאט פַאר אִים מוֹרָא גֶעהַאט) – אִיז דֶער 'גִבּוֹר' פוּן דֶעם [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] 'מֶלֶךְ' – אִיז עֶר בְּוַודַאי זֵייעֶר אַ 'גְרוֹיסֶער גִבּוֹר'! (דָאס [דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם 'מֶלֶךְ' מִיט 'זַיינֶע לַייט', מִיט דִי 'רוּחַ־סְעָרָה'] הָאט אַלְץ דֶערְצֵיילְט דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה', פַאר דִי לַייט הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט – פוּן דִי מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת])!

אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעהֶערְט זַיינֶע רֵייד – אוּן הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר פַארְוואוּנְדֶערְט!

אוּן זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעהַאלְטְן דֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָה' בַּיי זִיךְ! – אוּן זֵיי הָאבְּן אִים שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט אַװעקְלָאזְן פוּן זִיךְ! – (וָוארְן טָאמֶער דֶער 'גִבּוֹר' וָואס עֶר וִויל אָנְקוּמֶען אוֹיף זֵיי, אִיז עֶר דֶער 'גִבּוֹר' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ' הַנַ"ל וָואס דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה' קֶען זִיךְ מִיט אִים).

אוּן דֶער 'גִבּוֹר' הַנַ"ל: אִיז אַלֶעמָאל צוּגֶעקוּמֶען נֶענְטֶער צוּ דֶער מְדִינָה! – אוּן עֶר הָאט אַלֶעמָאל גֶעשִׁיקְט זַיינֶע 'שְׁלוּחִים' צוּ זֵיי! – בִּיז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דֶער 'מְדִינָה'!

אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוּנְטֶער דֶער 'שְׁטָאט' – אוּן הָאט צוּ זֵיי אַרַיינְגֶעשִׁיקְט זַיינֶע 'שְׁלוּחִים' (אַז זֵיי זָאלְן אִים זָאגְן וָואס זֵיי וִוילְן – צוּ אוּנְטֶערְגֶעבְּן זִיךְ, צוּ 'נֵיין' [אָדֶער נִישְׁט], כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])! הָאבְּן זֵיי זֵייעֶר גְרוֹיס [שְׁטַארְק] מוֹרָא גֶעהַאט פַאר אִים!

הָאבְּן זֵיי גֶעבֶּעטְן דֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָה': "אַז עֶר זָאל זֵיי אַ 'עֵצָה' גֶעבְּן"! הָאט דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה' צוּ זֵיי גֶעזָאגְט: "מֶען בַּאדַארְף קְלֶערְן [נָאכְפָּארְשְׁטְן דִי 'וֶועג' אוּן] דָאס 'פִּירֶעכְץ' פוּן דֶעם 'גִבּוֹר' – כְּדֵי עֶר זָאל דוּרְכְדֶעם דֶערְקֶענֶען: אוֹיבּ דָאס אִיז דֶער 'גִבּוֹר' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ' הַנַ"ל. אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה' – אוּן אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען צוּם 'גִבּוֹר'!

אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין 'חַיִל' [מַחֲנֶה] פוּן דֶעם 'גִבּוֹר' – אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן, מִיט אֵיין 'גִבּוֹר' פוּן דִי 'גִבּוֹרִים' וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען מִיט דֶעם 'גִבּוֹר' (דְהַיְינוּ: מִיט אֵיינֶעם פוּן דִי 'וַוארְטֶעס' [שׁוֹמְרִים] – כְּדֵי עֶר זָאל קְלֶערְן [נָאכְפָּארְשְׁטְן]: אוֹיבּ דָאס אִיז דֶער 'גִבּוֹר' וָואס עֶר קֶען זִיךְ מִיט אִים)!

# ליקוטי מוהר"ן תורה צ"ט

דָאס מָאל טַייעֶרע קִינְדֶער מִיר בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ אַ קְלֵיין תּוֹרָה אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִיבֶּערְגֶעטַייטְשׁ וָוארְט בַּיי וָוארְט:

"וָאֶתְחַנַּן, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן אִין יֶענֶע צַייט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן". זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַזוֹי: "אַ מֶענְטְשׁ דַארְף מִתְפַּלֵּל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גְרוֹיסְן דְּבֵקוּת, אָבֶּער צוּמָאל אִיז דָא אַ צַייט וָואס עֶר קֶען נִישְׁט דַאוְוענֶען מִיט דְּבֵקוּת, זָאל דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט זָאגְן, 'אוֹיבּ אַזוֹי וָועל אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט דַאוְוענֶען', וַוייבַּאלְד עֶר קֶען נִישְׁט אִינְזִינֶען אוּן הָאט נִישְׁט קֵיין דְּבֵקוּת ווִי מְ'דַארְף, אַזוֹי ווִי רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז, 'אוֹיף רַבִּי חֲנִינָא בֶּן דּוֹסָא וֶוען עֶר הָאט גֶעדַאוְונְט וְכוּ' הָאט עֶר צוּ זֵיי גֶעזָאגְט אוֹיבּ דִי תְּפִלָּה אִיז פְּלִיסִיג [קְלָאר אַרוֹיסְגֶעזָאגְט] פוּן מַיין מוֹיל וַוייס אִיךְ אַז מְ'הָאט עֶס אָנְגֶענוּמֶען אוּן אוֹיבּ נִישְׁט וַוייס אִיךְ פַּארְקֶערְט'."

זָאגְט וַוייטֶער דֶער רֶבִּי: "אִם בִּדְבֵקוּת, אַז דִי תְּפִלָּה אִיז קְלָאר אַרוֹיסְגֶעזָאגְט פוּן מוֹיל, דַאן וֶוערְט עֶס אָנְגֶענוּמֶען, אוֹיבּ נִישְׁט אִיז חַס וְשָׁלוֹם פַּארְקֶערְט. אָבֶּער מִיט דֶעם אַלֶעם, זָאל אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט זָאגְן אַזוֹי, נָאר עֶר זָאל אַלֶעמָאל דַאוְוענֶען. אוּן אוֹיבּ עֶר קֶען נִישְׁט דַאוְוענֶען מִיט אַ דְּבֵקוּת, זָאל עֶר דַאוְוענֶען מִיט זַיין גַאנְצְן כֹּחַ, וַוייל וֶוען עֶר וָועט אַן אַנְדֶערְס מָאל יָא דַאוְוענֶען מִיט דְּבֵקוּת אַזוֹי ווִי מְ'דַארְף וָועלְן דֶעמָאלְט אַלֶע אַנְדֶערֶע תְּפִלּוֹת זִיךְ מִיטְכַאפְּן מִיט דִי תְּפִלָּה וָואס אִיז יָא גֶעדַאוְונְט גֶעוָוארְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין."

טַייטְשׁ דֶער רֶבִּי: "וָאֶתְחַנַּן אֶל הַשֵּׁם תָּמִיד, אִיךְ דַאוְוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעמָאל, סַיי צוּ אִיךְ הָאבּ דְּבֵקוּת, סַיי אָן דְּבֵקוּת. בָּעֵת הַהִיא לֵאמֹר, אִין יֶענֶע צַייט וֶוען אִיךְ וָועל דַאוְוענֶען מִיט דְּבֵקוּת – דָאס מֵיינְט אַז מַיין תְּפִלָּה וָועט זַיין מְסֻדָּר אוּן פְלִיסִיג אַרוֹיסְגֶעזָאגְט פוּן מַיין מוֹיל, וַוייל אִיךְ וָועל דֶעמָאלְט דַאוְוענֶען מִיט אַ דְּבֵקוּת מִיט אַ נָאנְטְקַייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט וָועלְן אַרוֹיפְגֵיין אַלֶע אַנְדֶערֶע תְּפִלּוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוְונְט בִּיז הַיינְט, [אֲפִילוּ דִי תְּפִלּוֹת וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אָן דְּבֵקוּת] כַּנַּ"ל.

**טייערע קינדער קלינגט אריין אין טעל–ליין און זאגט אריין וועלכע דיבור און ספר פון רבי'ן ותלמידיו**
**עס שטייט אויף דעם קארטל,**
**קלאר צו מאכן פאר דעם איד מיט זיינע ספיקות,**
**לאז איבער דעם תירוץ, דיין נאמען, און טעלעפאן אויף קנעפל 7 פאר א שיינע גורל!**



נאמ: ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צוועלעוועטע מעשה - דער בעל תפילה (6)

**א. וועלכע מין הארץ האט געהאט די טאכטער פון בת מלכה?**
- ❑ פון גאלד
- ❑ אלע קאליין
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וויאזוי איז דער גבור געווען שטארק?**
- ❑ פון זיך אליין
- ❑ דער מלך האט אים געוויזן פון וואו ער זאל נעמען גבורה
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. פון וואו האט דער גבור געוואוסט פון דעם שווערד?**
- ❑ ער האט אליין געהאט אזא שווערד
- ❑ דער קעניג האט אים געוויזן דעם וועג צום שווערד
- ❑ דער בעל תפלה האט אים געוויזן דעם וועג צום שווערד

**ד. וויאזוי האבן די אוהב נאמן און דער מלך אויסגעהאלטן אין די צייט וואס זיי קענען נישט זיין צוזאמען?**
- ❑ זיי האבן אינגאנצן מסיח דעת געווען איינער פון צווייטן
- ❑ זיי זענען אייביג געווען צוזאמען
- ❑ זיי האבן געהאט פאטרעטן וואס איז געווען אויסגמאלט זייערע ביידע צורות האבן זיי זיך דעמאלט משעשע געווען מיט דעם

**ה. וואספארא סגולה האבן געהאט די פאטרעטין?**
- ❑ אז ווער ס'האט געקוקט אויף דעם איז געהאלפן געווארן מיט קינדער
- ❑ אז ווער ס'האט געקוקט אויף דעם האט באקומען די מדה פון אהבה
- ❑ אז ווער ס'האט געקוקט אויף דעם איז געהאלפן געווארן מיט עשירות

**ו. וואס איז געשען איינמאל ווען זיי זענען געגאנגען באנייען זייערע כוחות?**
- ❑ עס איז געווען א גרויסע שטורעם ווינט אויף דער וועלט
- ❑ זיי זענען געבליבן דארטן און האבן נישט געקענט צוריק קומען
- ❑ עס איז געווען א גרויסע שטורעם ווינט אין די מדינה פונעם גבור

**ז. וואס האט דער שטורעם ווינט געמאכט?**
- ❑ איבערגעדרייט פון ים צו יבשה און פון יבשה צו ים
- ❑ איבערגעדרייט פון מדבר צו ישוב און פון ישוב צו מדבר
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. וואס האט דער שטורעם ווינט געמאכט אין שטוב פונעם מלך?**
- ❑ עס האט אלעס איבערגעדרייט
- ❑ עס האט אלעס שאדן געמאכט
- ❑ עס האט ארויס געכאפט דאס קינד פון בת מלכה

**ט. וואס נאך איז פארלוירן געווארן ביים שטורעם ווינט?**
- ❑ די די פונעם מלך
- ❑ די שווערד פונעם גבור
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



## זיכער געדאנק

ווען האבן די מענטשן פון די מדינה פון עשירות געהאלטן ביי זיך. און זיי האבן אים נישט געוואלט אוועק לאזן – און ער איז צום סוף יא אוועק פון זיי?

## תשובות אויף די פריערדיגע וואך

וואספארא זאך האט דער בעל תפילה געזאגט פאר די מענטשן פון די מדינה של עשירות – און דער רבי דערציילט דאס צווי מאל, די וואך און פאריגע וואך? סֶע אִיז אַ יָחִיד בָּרוּךְ הוּא פַארהַאנֶדְין דְהַיְינוּ דֶער בּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ וָואס עֶר הָאט אַלֶע בַּאשַׁאפִין נָאר אִים בַּאדַארְף מֶען דִינֶען.

**געווינער אויף בעל תפלה 5 איז הב' החשוב מנחם שמעון בעק, בית שמש**

צו ענטפערן די בחינות און ארייגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040

# דעם רבינ'ס משלים



## "וָואס טוּישְׁטוּ? וָואס טוּישְׁטוּ?"

אַ אִיד הָאט אַמָאל גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְן רֶבִּ'ן וֶועגְן זַיין אוֹיפְפִירוּנְג אוּן אִיבֶּער זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן. דֶער אִיד הָאט גֶעהַאנְדְלְט מִיט גֶעלְט, עֶר פְלֶעגְט טוּישְׁן אַלֶע סָארְטְן מַטְבֵּעוֹת, זַיין סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען צוּ שְׁטֵיין אִין מַארְק אוּן פְרֶעגְן פוּן דִי מֶענְטְשׁ אַרוּם: **"וָואס טוּישְׁטוּ? וָואס טוּישְׁטוּ?"** אַזוֹי אִיז עֶר גֶעשְׁטַאנֶען אִין מַארְק מִיט דֶעם אֵיינְצִיגְן פְרַאגֶע אוֹיף זַיינֶע לִיפְּן.

הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "נוּ, קֶענְסְט דָאךְ דִי זֶעלְבֶּע פְרַאגֶע אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוֹיף אַ תְּפִלָּה צוּם בַּאשֶׁעפֶער, גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי נָאךְ פַארְן אָנְהֵייבְן דֶעם טָאג, מַאךְ אַ קְלֵיין תְּפִלָּה צוּם בַּאשֶׁעפֶער וִוי פָאלְגְנְד: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, לָאז מִיר נִישְׁט פַארְטוּישְׁן דָאס שְׁלֶעכְטְס מִיט גוּט א.א.וו פַארְוָואס זָאל אִיךְ פַארְטוּישְׁן שְׁלֶעכְטְס פַאר גוּטְס?".

זָאגְט אִים דֶער רֶבִּי וַוייטֶער: **"שְׁטֵיי אִין מַארְק אוּן שְׁרַיי אוֹיס דִי וֶוערְטֶער אָבֶּער מִיט אַ תְּפִלָּה צוּם בַּאשֶׁעפֶער: "וָואס טוּישְׁטוּ? וָואס טוּישְׁטוּ?** אוּן אַזוֹי זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דֶעם תְּפִלָּה, וֶוען דִי פַארְבַּייגֵייעֶר וֶועלְן מֵיינֶען אַז דוּ רֶעדְסְט אוּן דִי מֵיינְסְט גָאר זַיי, אָבֶּער בֶּאֱמֶת וֶועסְטוּ דַאן מִתְפַּלֵל זַיין צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וֶועסְטוּ דֶעם גַאנְצְן טָאג עוֹסֵק זַיין אִין תְּפִלָּה צוּם בַּאשֶׁעפֶער.




הגליון נתנדב ע"י

**תפלות קאמפיין למען הראש השנה של רבינו**

צו נעמען א חלק אין די
'תיקון הכללי קאמפיין' רופט
02-5-3333-72 אדער 646-585-3040
קנעפל 8-8

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר נתן גרינוואלד הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר שלום נחום פרידמאן הי"ו
לרגל הבר מצוה של בנו היקר